NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13381

DZHUZEPE GARIBALDI

S. Hurwitz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

אַרבייטער רינג
קינדער ביבליאָטעק

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

דזשוזעפע גאַריבאַלדי

(4טן יולי 1807—2טן יוני 1882)

פון

ש. הורוויץ (זאלקעס)

ארויסגעגעבן פון בילדונגס דעפּארטמענט
אַרבייטער רינג

VOL. I. No. 6

ארבייטער רינג
קינדער ביבליאטעק

דזשוזעפע גאריבאלדי

(4טן יולי 1807—2טן יוני 1882)

פון
ש. הורוויץ (זאלקעס)

ענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

ארויסגעגעבן פון
ארבייטער רינג
בילדונגס - דעפארטמענט.

דזשוזעפע גאַריבאַלדי.

זיין יונג שטורמדיק לעבן.

1

דער באַרימטער איטאַליענישער פֿאָלקס-העלד און רעוואָלוציאָנער דזשוזעפּע גאַריבאַלדי איז געבאָרן געוואָרן דעם 4טן יולי, 1804טן יאָר אין ניצע. די עלטערן זיינע, אָרימע, פּשוט'ע אַרבעטס-לייט, האָבן געלעבט אין גרויס נויט, שטאַרק געפּלאָגט זיך און מיט גרויס מאַטערניש דערנערט און דערצויגן זייערע קליינע קינדער. גאַריבאַלדיס פֿאָטער האָט געאַרבעט אויף אַ פֿראַכט-שיף, פֿריער אַלס מאַטראָז און שפּעטער אַלס געהילפֿס-קאַפּיטאַן.

דער קליינער דזשוזעפּע האָט אַ קורצע צייט באַזוכט אַ פֿאָלקס-שול. ווייטער לערנען זיך האָט ער ניט געקאָנט, צוליב דער אָרעמקייט פֿון זיינע עלטערן. ער האָט אָבער שוין אין די קינדערשע יאָרן אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעאיקייטן און איז שטאַרק באַליבט געווען צווישן זיינע חברים.

אין דער פֿרייער צייט פֿלעגט דער קליינער דזשוזעפּע ליב האָבן צו לייענען ביכער, מער ווי אַלץ רייזע באַשרייבונגען; ער פֿלעגט לייענען אַ בוך אין איין אָטעם, ניט קאָנען אָפּרייסן זיך פֿון אים ביז וואַנען ער פֿלעגט אים ניט פֿאַרענדיקן. דער בעסטער וואונטש זיינער איז געווען, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסן וועט ער זיך מיט זיינע חברים אַוועקלאָזן אויף אַ רייזע אין די ווייטע אומבאַקאַנטע לענדער. און ווי גליקליך איז געווען דזשוזעפּע, ווען זיין פֿאָטער פֿלעגט אים מיטנעמען אויף אַ קורצע רייזע איבערן ים.

2

איטאַליע איז דעמאָלט געווען צעריסן און צעטיילט אויף קליינע מלוכה-לאַך וואו ס'האָבן דעספּאָטיש געהערשט פֿרעמדע און אייגענע אונטערדריקער. דאָס איטאַליענישע פֿאָלק האָט זיך געפּייניקט אונטערן צווייאיקן יאָך פֿון רוימישן פּאַפּסט און די פֿרעמדע אונטערדריקער, די עסטרייכער און פֿראַנצויזן, וואָס האָבן אָפּגעריסן גאַנצע פּראָווינצן פֿון איטאַליע.

פֿון צייט צו צייט פֿלעגן די פֿרעמדע אונטערדריקער פֿירן צווישן זיך

מלחמות. די מלחמות האָבן חרוב געמאַכט דאָס לאַנד. מער פון אַלעמען האָבן געליטן די עלנדע פאָלקס־מאַסן.

אין די פּראָווינצן, וואָס זיינען געווען אונטערוואָרפן אונטערן רוימישן פּאַפּסט, האָבן די קאַרדינאַלן, די עלטסטע גלחים און די קלענערע באַמטע אויסגענוצט פאַר זיך די אומוויסנהייט און דעם אַבערגלויבן פון די פאָלקס־מאַסן. אויף שריט און טריט האָבן די גלחים באַרויבט און גענאַרט דאָס פאָלק. זיי האָבן זיך געלעבט אין וואוילטאָג און אין רייכקייט, בשעת דאָס פאָלק איז וואָס ווייטער אַלץ מער און מער געזונקען אין אָרימקייט.

געטריבן פון הונגער און נויט, האָבן זיך אַ סך פאַראָרימטע מענטשן גענומען צו רויבעריי. גאַנצע באַנדעס פלעגן אומגעשטערט וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט, פון דאָרף צו דאָרף אַטאַקירן און רויבן די דערשראָקענע אומבאַהאָלפענע באַפעלקערונג.

3

אין די טיילן פון איטאַליע, וואָס זיינען באַזעצט געוואָרן פון די עסטרייכער און פראַנצויזן, איז די לאַגע פון דער באַפעלקערונג ניט געווען בעסער.

דערפאַר אָבער האָבן פראַנצויזן פאַרטראָגן אין איטאַליע די רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן פון „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט", וועלכע האָבן ביסלאַכווייז געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג צווישן די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אין איטאַליע אַ מעכטיקע פאָלקס באַוועגונג צו באַפרייען דאָס לאַנד פונ'ם יאָך פון פּאַפּסט און פון די פרעמדע אונטערדריקער. ס'האָבן זיך געגרינדעט געהיימע רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס, ווי די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע פון די „קאַרבאָנאַרי". דער פּאַפּסט און די דעספּאָטישע רעגירונגען פון דער פאַרשקלאַפטער איטאַליע האָבן זיך באַמיט צו דערשטיקן די פרייהייטס־באַוועגונג מיט אַן אייזערנער האַנט.

אָבער דער רוף פון די רעוואָלוציאָנערן: „אַ טויט די דעספּאָטן, זאָל לעבן די פרייע פאַראייניקטע איטאַליע", האָט אָנגעצונדן די הערצער פון טויזנטער פרייהייטס־ליבנדיקע מענטשן אין איטאַליע. הונדערטער טויזנטער מענטשן אין אַלע ווינקעלאַך פון לאַנד אין נעאַפּאָל און רוים, אין גענוא און אין סיציליע זיינען צוגעשטאַנען צו דער פרייהייטס־באַוועגונג.

אין דער שפּיץ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך געשטעלט דער באַוואוסטער פרייהייטס-קעמפער און רעוואָלוציאָנער, דזשוזעפּע מאַציני.

דער יונגער דזשוזעפּע גאַריבאַלדי, וואָס האָט שוין אין די יונגע יאָרן צוגעזען די צרות און ליידן פון זיינע עלטערן און פון די אָרעמע האָרע־פּאַשנע פּויערים און אַרבעטער איז צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

ער האָט נאָך אין דער היים פון זיינע עלטערן איינגעזאַפּט אין זיך דעם פרייהייטס-גייסט, וואָס האָט באַהערשט דעם גרעסטן טייל פון דער איטאַליענישער יוגנט. ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז פון זיינע עלטערן יונגערהייט און איז אַריינגעטראָטן אין דינסט פון סאַרדינער פלאָט אַלס אַ מאַטראָז אויף אַ קריגס-שיף.

4

אינגיכן פאַרלאָזט דזשוזעפּע די שיף און טרעט אַריין אין דער געהיימער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע פון „יונג איטאַליע", וועלכע האָט פאַרנומען דעם אָרט פון די „קאַרבאָנאַרי". די רעוואָלוציאָנערן האָבן געהאָפט אַז אויב זיי וועט געלינגען צו באַפרייען רוים און גאַנץ איטאַליע פון דעם יאָך פון פּאַפּסט און די איבעריקע דעספּאָטישע הערשער, וועט זיך דערמאָלט גאַנץ איטאַליע פאַראייניקן אין אַ פרייער רעפּובליק און שאַפן אַ בעסער און שענער לעבן פאַרן פאָלק.

דער יונגער דזשוזעפּע ווערט אינגיכן דער באַליבטסטער פירער פון דער פרייהייטס-באַוועגונג. זיין ווילנסקראַפט, זיין טיפער גלויבן אין דער גערעכטיקייט און נויטווענדיקייט פון קאַמף באַגייסטערט זיינע חברים. אַרום אים זאַמלען זיך צונויף טויזנטער רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען גרייט צו גיין נאָך אים אין פייער און וואַסער. און ער איז טאַקע אומעטום דער ערשטער צו גיין אין פייער, ער פאַרלירט זיך ניט אין דער צייט פון גרעסטן געפאַר, און קוקט רואיק דעם טויט גלייך אין די אויגן אַריין...

דער נאָמען פון דזשוזעפּע גאַריבאַלדי ווערט אַלץ מער באַוואוסט איבער גאַנץ איטאַליע. אומעטום רעדט מען וועגן אים מיט ליבע און אַכטונג. די שונאים ציטערן פאַר אים. זיי וואָלטן אים גערן אומגעבראַכט, ווען ער פאַלט אַריין צו זיי אין די הענט. אָבער גאַריבאַלדי'ן קאָן מען ניט כאַפּן.

ווי א געשפענסט טראגט ער זיך ארום איבער איטאליע און ווארפט אן א שרעק אויף די אונטערדריקער פון פאלק. אט איז ער אין פאלערמא, דא שוין אין מאדענא, היינט אין סאוואיען און אין א קורצער צייט ארום קומט ער א פארשטעלטער אין זיין געבורטס שטאט, אין ניצע צו זען זיך מיט זיינע עלטערן.

5

אין 1832טן יאר איז גאריבאלדי געקומען קיין מארסייל צו זען זיך מיט מאציני'ן, וועלכער איז ארויסגעטריבן געווארן פון איטאליע. צום ערשטן מאל האבן זיך באגעגנט די דאזיקע צוויי גרויסע פרייהייטס קעמפער. פון דער ערשטער באגעגעניש ביז די לעצטע טעג פון זייער לעבן האט אנגעהאלטן די ברידערלאכע פריינטשאפט און חבר'שאפט צווישן די צוויי גרויסע גייסטער פון דער פרייהייטס-באוועגונג. דא איז אויך באשלאסן געווארן אנצוהייבן דעם אויפשטאנד אין סאוואיען קעגן דעם סארדינישן קעניג שארל-אלבערט.

אין 1834טן יאר האבן זיך די רעוואלוציאנערן מיט גאריבאלדי'ן אין דער שפיץ ארייגעריסן אין מאוואיען. די כחות פון די רעוואלוציאנערן זיינען אבער דאמאלסט נאך געווען צו שוואך און חוץ דעם האט צווישן די אנפירער נישט געהערשט קיין אייניקייט. דער אויפשטאנד איז אונטערדריקט געווארן. הונדערטער רעוואלוציאנערן זיינען אומגעקומען אין שלאכט, הונדערטער זיינען פארפייניקט געווארן אין די טורמעס. גאריבאלדי אליין איז דורך דער רעגירונג פאר'משפט געווארן צום טויט. ער האט זיך אבער ארויסגעדרייט פון די הענקערס הענט און איז אנטלאפן קיין פראנקרייך. פון דעמאלט הייבט זיך אן פאר גאריבאלדי'ן א לאנגע ריי פון שווערע יארן, פון וואנדערן און וואגלען איבער דער וועלט. און ווי שווער און ביטער ס'איז נישט דאס לעבן פון א פארפאלגטן רעוואלוציאנער, האט גאריבאלדי אבער קיינמאל נישט אויפגעגעבן דעם קאמף קעגן די באדריקער פון דער פארשקלאפטער איטאליע.

6

נאך א לאנגן ארומוואנדערן און אויסבאהאלטן זיך אין פראנקרייך איז גאריבאלדי ארייגעטראטן אין דער ארמיי פון טוניסער בעי. דאס האט

אָבער ניט געקאָנט באַפרידיקן גאַריבאַלדי'ן, ער פאַרלאָזט טוניס און קומט אין 1846 יאָר קיין דרום־אַמעריקע. די צוויי קליינע דרום־אַמעריקאַנישע רעפובליקן ריאָ־גראַנדע און מאָנטעווידע האָבן געפירט א פאַרביטערטן קאַמף קעגן בראַזיליע, וואו ס'האָבן געהערשט די שפּאַנישע דעספּאָטן. דער טומיקער פרייהייטס־קעמפער האָט זיך לײדנשאַפטלאַך אַרײנגעוואָרפן אין קאַמף קעגן די אונטערדריקער פון די צוויי שוואַכע רעפובליקן. מיט עטלאַכע חברים האָט ער אויפ'ן אייגענעם חשבון אויסגעשטאַט א פּאָר קריגס־שיפן און אין פאַרלויף פון א יאָר צייט פירט ער אָן דעם קאַמף קעגן בראַזיליע. ווי א נעשפּענסט טראָגט ער זיך אַרום מיט זיינע שיפן ביי די ברעגן פון בראַזיליע און וואַרפט אָן א שרעק אויף די בראַזיליאַנישע גענעראַלען מיט זייערע אַרמייען.

— לאַנג אָבער האָט ער זיך דאָ ניט געקאָנט האַלטן. די חברים זיינע האָבן אים ביסלאַכווייז פאַרלאָזן און ער בלייבט אָן איינזאַמער אין דעם ווייטן פרעמדן לאַנד, אַרומגערינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן. דאָס איז געווען איינער פון די שווערסטע מאָמענטן אין זיין לעבן. גאַריבאַלדי האָט אָבער קיינמאָל ניט פאַרלאָרן דעם מוט און גלויבן. אין דער יונגער פרוי זיינער, אַניטאַ, א געבאָרענע אין דרום־אַמעריקע, האָט ער געפונען א טרייען חבר און מיטאַרבעטער. צוזאַמען געליטן, געקעמפט און ניט פאַרלאָרן די האָפנונג אויף בעסערע צייטן...

צוריק אין איטאַליע.

1.

דערווייל איז אָנגעקומען דאָס 1848טער יאָר. אין דעם היסטאָרישן יאָר האָבן די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס פאַרנאָמען גאַנץ אייראָפּע. אויך אין איטאַליע האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף פאַר פרייהייט. אין מילאַן און מעסינע האָבן זיך אָנגעהויבן אויפשטאַנדן קעגן די עסטרייכער.

און ווי נאָר גאַריבאַלדי האָט זיך דערוואוסט פון דעם, האָט ער זיך מיט זיין פרוי און פיר און פופציק חברים געלאָזן אהיים. אויף דעם שיף „האָפנונג" זיינען זיי אָנגעקומען אין ניצע.

טורינער רעוואָלוציאָנערן האָבן אים מקבל פּנים געווען מיט ליבע און

פרייד. דער העלדישער פירער איז ווידער דא! „זאל לעבן די באפרייטע איטאליע, זאל לעבן גאריבאלדי!" האט געקלונגען איבער'ן לאנד.

אין דער שפיץ פון די פרייוויליגע רעוואלוציאנערן האט זיך געשטעלט גאריבאלדי. מיט'ן ביקס אויפ'ן אקסל פלעגט ער שטענדיק גיין פאראויס, אפט צו צוויי און צוואנציג מייל א טאג. אומעטום דער ערשטער, שטענדיק אויפ'ן פלאץ.

נאך א שווערן פינפטאגיקן קאמף האבן זיי ארויסגעשטויסן דעם עסטרייכישן גענעראל ראדעצקי פון מילאנער ציטאדעל (פעסטונג) און געצוואונגען אים מיט זיין ארמיי פון אכצן טויזנט מאן צו פארלאזן דעם גאנצן געגנט.

די עסטרייכער האבן זיך אבער שפעטער צונויפגעקליבן מיט נייע כוחות און מיט א פארשטארקטער ארמיי געווארפן זיך אויפ'ן קליינעם הייפעלע רעוואלוציאנערן. גאריבאלדי מיט זיינע חברים ווערט ארומגערינגלט פון אלע זייטן; און נאר דורך א גליקלאכן צופאל געלינגט אים מיט די רעשטן פון די פרייוויליקע, אן ערך 1,500 מאן, צו אנטלויפן קיין צפון איטאליע.

2.

אין דערזעלבער צייט האט א צווייטער טייל פון די רעוואלוציאנערן מיט'ן בארימטן פירער מאציני פארנומען די הויפט־שטאט רוים. דער פאפסט איז אנטלאפן פון שטאט, און אין צוויי טעג ארום איז אין רוים פראקלאמירט געווארן א רעפובליק.

גאריבאלדי האט מיט זיין לעגיאן אוועקגעמארשירט קיין רוים צו פארטיידיקן די רעפובליק און די פרייהייט. די מאכט פון דעם פאפסט און פון דער קאטוילישער קירכע איז געבראכן געווארן. צום ערשטן מאל האט דאס איטאליענישע פאלק געקאנט פריי אויסקלייבן זיינע פארשטייער אין רוימישן פארלאמענט.

צווישן די אויסדערוויילטע איז געווען אויך גאריבאלדי. אויף דער זיצונג פון פארלאמענט, דעם פינפטן פעברואר, 1849טן יאר, האט גאריבאלדי אריינגעטראגן א פארשלאג צו פראקלאמירן איטאליע אלס א פרייע אומאפהענגיקע רעפובליק. רוים האט געזאלט ווערן דער צענטער פון דער פרייהייט באוועגונג, דער צענטער פון דער פאראייניקטער פרייער איטאליע.

אבער די שונאים פון דער פרייהייט-באוועגונג, דער פאפסט, די גלחים און די פריצים האבן צונישט געמאכט די מי און שטרעבונגען פונ'ם פרייהייט-ליבנדיקן איטאליענישן פאלק. זיי האבן זיך געווענדט נאך הילף צו פראנקרייך. די דעמאלטיקע רעאקציאנערע פראנצויזישע רעגירונג האט זיך איינגעשטעלט פאר'ן פאפסט.

3.

דעם דרייסיקסטן אפריל, 1849טן יאר, פארטאג, האט א שטארקע פראנצויזישע ארמיי אטאקירט דעם פארשטאט סאן פאקראציא. גאריבאלדי, וועלכער איז געריטן פאראויס אונטער א האגל פון קוילן, איז פארוואונדעט געווארן מיט א קויל אין זייט. ניט אכטנדיק אויף די שמערצן און בלוט פארלוסט, איז ער געבליבן זיצן אין זאטל דעם גאנצן טאג, און האט ווייטער געפירט די „פרייוויליקע" אין שלאכט. נאך א שווערן קאמף האבן די רעוואלוציאנערן צוריקגעשטויסן די פראנצויזן און זיך באפעסטיקט אויף די זיבן בערג ארום רוים.

דעם דרייסיקסטן מאי איז רוים ווידער באלאגערט געווארן פון א גרויסער פראנצויזישער ארמיי. די רוימער האבן אין פארלויף פון א מאנאט פארטיי-דיקט די שטאט. אבער דעם דרייסיקסטן יוני האבן די פראנצויזן פארנומען די בארימטע זיבן בערג ארום שטאט. די לאגע פון דער רעפובליק איז דורכ-דעם געווארן א קריטישע: די שטאט איז געשטאנען אפן פאר'ן שונא.

דזשוזעפע מאציני האט שנעל צונויפגערופן א בארא טונג פון אלע מילימערישע פירערס. גאריבאלדי האט אנגעזאגט, אז ער קאן זיך ניט באטייליקן אין דער באראטונג, ווייל ער קאן ניט פארלאזן אפילו אויף איין מינוט די פאזיציע ביי סאן-פאקראציא: דער שונא וויל זיך דארטן דורכ-ברעכן א וועג אין שטאט אריין.

די באראטונג איז פארגעקומען אויפ'ן שלאכטפעלד, וואו גאריבאלדי מיט זיינע חברים האבן זיך אנגעשטרענגט צו פארהאלטן דעם פיינט. פון דער-ווייטנס האבן זיך דערטראגן די דונערן פון די פראנצויזישע הארמאטן, די קוילן האבן געזשומעט... קיין אויסוועג איז ניט געווען. אלע האבן פאר-שטאנען, אז מ'וועט מוזן אוועק פון שטאט.

„אבער ניט אונטערגעבן זיך", — האט אנטשלאסן געזאגט גאריבאלדי.

ווידער אויף די וואַנדער וועגן.

1.

גאַריבאַלדי האָט ניט געוואָלט וואַרטן ביזקל די שטאָט וועט זיך אונטערגעבן. ער האָט צונויפגערופן די „פרייוויליקע” אויף דעם גרויסן שטאָטפּלאַץ ביי דער סאַן־פּעטערס קירכע, און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„חברים! דאָס וואָס איך קאָן אייך פּאָרלייגן איז הונגער, דורשט, קעלט, היץ, איילִיקע מאַרשן און פּלוצלינגע איבערפאַלן פונ׳ם שטאַרקן שונא. ווער עס ליבט די פרייהייט און דאָס לאַנד קאָן מיר נאָכפאָלגן”.

עס האָבן זיך אָפּגערופן פיר טויזנט „פרייוויליקע”. מיט די דרייסטע קעמפער האָט זיך גאַריבאַלדי אַוועקגעלאָזן אויף דעם געפערלאַכן מאַרש קיין צפון־איטאַליע.

גאַריבאַלדי׳ס העלדישע פרוי, אַניטאַ, איז אויך מיטגעגאַנגען קעגן דעם ווילן פון איר מאַן. עס האָבן ניט געהאָלפן זיינע רייד. זי האָט ניט געוואָלט פאַרבלייבן אין רוים אויסער געפאַר. זי האָט איר דזשוזעפן ניט געוואָלט אַליין איבערלאָזן. זי האָט זיך איבערגעטאָן אין מענערשע קליידער, אָפּגעשאָרן אירע לאַנגע האָר און אַוועקגעריטן זייט ביי זייט מיט איר מאַן.

2.

א מאָנאָט צייט האָט גאַריבאַלדי מיט זיין לעגיאָן איילִיק געמאַרשירט. ער האָט געמוזט אויסמיידן דריי פאַרשיידענע אַרמייען פון שונא — די נעאַפּאָליטאַנער, די פראַנצויזן און די עסטרייכער. ענדלאַך האָבן זיי דערגרייכט ביז סאַן־מאַרינאַ.

דער פאַרוואַלטער פון סאַן־מאַרינא האָט זיי געוואָלט אַריינלאָזן נאָר מיט דער באַדינגונג, אַז זיי זאָלן אַוועקלייגן זייער געווער. גאַריבאַלדי האָט אַרויסגעגעבן א באַפעל אַוועקלייגן דאָס געווער, כדי צו באַשיצן די גאַסטפריינטלאַכע סאַן מאַרינער פון א פראַנצויזישן אַנפאַל. ער האָט אַלעמען באַפרייט פון ווייטערדיקן דינסט.

דיזעלבע נאַכט האָט זיך גאַריבאַלדי מיט זיין פרוי און צוויי הונדערט פרייוויליקע אַרויסגערוקט פון סאַן־מאַרינאַ, דערגרייכט דעם ים און האָבן זיך אין עטלאַכע פישער שיפלאַך אַוועקגעלאָזן קיין ווענעציע.

ווען זיי זיינען שוין געווען נאָענט צו זייער ציל, האָט זיי באַמערקט אַן עסטרייכישן פּאַטראָל, וואָס יאָגט זיי נאָך. נאָר די צוויי קליינע שיפֿלאַך אין וועלכע ס'זיינען געפֿאָרן גאַריבאַלדי מיט זיין פֿרוי און נאָך אייניקע פֿריינט האָבן דערגרייכט דעם זומפּיקן ברעג פֿון קאָמאַטשיאָ — די אַלע איבעריקע זיינען פֿון די עסטרייכער געפֿאַנגען געוואָרן.

גאַריבאַלדי מיט זיינע פֿריינט זיינען אַראָפּ אין קאָמאַטשיאָ. פֿון דער־ווייטנס האָבן זיך דערנענטערט די עסטרייכישע שיפֿן, וואָס האָבן זיי נאָכ־געיאָגט. די אויסגעמאַטערטע מענטשן האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס, זיי האָבן זיך געזעגנט איינער מיט'ן צווייטן, אַוועק אין פֿאַרשיידענע ריכטונגען און געזוכט זיך אויסצובאַהאַלטן פֿון שונא, וואָס איז שוין אַראָפּ אויפֿ'ן ברעג.

אָבער אין גאַריבאַלדי'ס פֿוס־טריט האָט שוין געלויערט דער טויט. הונגעריקע, אויסגעמאַטערטע האָבן זיי לאַנג געוואַנדערט אין דעם זומפּיקן געגנט. גאַריבאַלדי'ס העלדישע פֿרוי, אַניטאַ, האָט ניט אויסגעהאַלטן, זי איז קראַנק געוואָרן און איז געשטאָרבן אין די אָרעמס פֿון איר מאַן, אויפֿ'ן וועג קיין ראַווענאַ.

אַ געבראָכענער פֿון דעם גרויסן אומגליק, וואָס אים האָט געטראָפֿן, האָט זיך גאַריבאַלדי אַ לענגערע צייט אויסגעבאַהאַלטן פֿון די שפּיאָנען אין פֿלאָרענץ. פֿון דאָרטן איז ער אַוועק קיין גענואַ, וואו ער האָט זיך געזען מיט זיין מוטער און מיט זיינע דריי קליינע קינדער, וועלכע אַניטאַ האָט איבערגעלאָזן ביי דער באָבען.

אַ קורצע צייט האָט זיך גאַריבאַלדי אויפֿגעהאַלטן אין פּיעמאָנט אָבער ווען זיין באַהעלטעניש איז אַנטדעקט געוואָרן האָט ער באַשלאָסן אויסצו־וואַנדערן קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער אַ געוויסע צייט געאַרבעט אויף אַ זייף־פֿאַבריק אין סטעטן אײלאַנד, ביי ניו יאָרק. שפּעטער האָט ער פֿאַרנומען דעם פּאָסטן פֿון אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שיף, וואָס איז געשוואומען אויפֿ'ן פּאַסיפֿישן אָקעאַן.

אויפ'ן פעלזיקן אינזל קאַפּרערא.

1.

אין דעם ווייטן פרעמדן לאַנד קאָן אָבער גאַריבאַלדי נים רוען. איטאַליע איז דאָך נאָך אַלץ פאַרשקלאַפט. זיינע חברים און מיטקעמפער ווערן פאַרפאָלגט און שמאַכטן אין די טורמעס. עפּעס וועקט, רופט....

און פּלוצלינג זעען מיר שוין ווידער גאַריבאַלדי'ן אין איטאַליע. דאָסמאָל באַזעצט ער זיך (אין 1854 יאָר) אויפ'ן פעלזיקן אינזל קאַפּרערא. ער פירט דאָרטן אַ שטיל איינזאַם לעבן פון אַ פאַרמער. ס'דאַכט זיך, אַז דער אַלטער לייב האָט זיך שוין באַרואיקט. ער אַרבעט אויפ'ן שטיקל פעלד, גראָבט דעם גאָרטן ביי דער קליינער הייזקע. ביינאַכט זיצט ער ביים ברענענדיקן קאַמין, קוקט אין פייער פאַרזונקען אין טיפע מחשבות, הערט זיך צו צום קלאַפּן, רוישן פון די כוואַליעס...

אָבער דער מוטיקער פרייהייטס קעמפער האָט לאַנג נים געקאָנט בלייבן רואיק. אין 1859טן יאָר צופלאַקערט זיך ווידער דער אויפשטאַנד, דאָס מאָל קעגן די עסטרייכער.

דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אין פּאַלערמאָ. די רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַרכאַפּט אַ וויכטיקע פּאָזיציע און אָנגעהאַלטן זי זעקס וואָכן צייט, ביז וואַנען גאַריבאַלדי מיט זיין לעגיאָן איז אָנגעקומען.

דער דאָזיקער לעגיאָן איז באַשטאַנען פון די באַרימטע „טויזנט פריי־וויליקע", וועלכע גאַריבאַלדי האָט אָרגאַניזירט. דאָס זיינען געווען געקליבענע העלדן, אָנגעטאָן אין רויטע העמדלאַך, דרייסטע און מוטיקע.

דעם פינפטן מאַי 1860גן יאָר האָט ער פאַרכאַפּט אין גענועזער האַפן צוויי שיפן און האָט זיך אַרויסגעזעצט אין מאַרסאַלאַ, וואו די באַפעלקערונג האָט אים אויפגענומען מיט פרייד.

פון מאַרסאַלאַ האָט גאַריבאַלדי מיט זיין לעגיאָן געמאַרשירט צו דער הויפּט־שטאָט פון סיציליע, צו פּאַלערמאָ. אויפ'ן דריטן טאָג האָט ער געטראָפן דעם שונא ביים דאָרף קאַלאַטאַפימיני.

ווער האָט עס געקאָנט טראַכטן פון שטורמען אַזעלכע פּאָזיציעס? אָבער די פייערדיקע יונגען רייסן זיך פאָרויס; דער זון זיינער, מענאָטי, פאַלט אַ שווער פאַרוואונדעטער. גאַריבאַלדי פירט ווייטער די אַטאַקע. דער שונא האַלט נים אויס, פאַרלאָזט אין שרעק די פּאָזיציעס און צעלויפט זיך.

דער זיג ביי קאלאטאפימיני האט דערמונטערט די פרייהייטס קעמפער איבער׳ן גאנצן לאנד. אין א קורצער צייט ווערט גאנץ סיציליע פריי, און גאריבאלדי לאזט זיך מיט זיינע העלדן אוועק קיין נעאפעל, וואו די באפעל־קערונג נעמט אים אויף מיט פרייד, זינגענדיק „גאריבאלדי׳ס הימן״.

2.

אזוי זיינען אוועק דריי יאר פון אומדערמידלאכן קאמף פאר דער פרייהייט פון זיין פאלק, פאר א בעסער און שענער לעבן פון זיינע מיט־מענטשן; און דער קאמף ווערט ענדלאך געקרוינט מיט ערפאלג. איטאליע איז פריי, איטאליע איז פאראייניקט. נאר אין רוים זיצט נאך דער פאפסט. ווי קאן מען אויפגעבן דעם קאמף, אז די גלחים הערשן נאך אין רוים!?

אבער די הייסע ליבע צו זיין פאלק און לאנד איז גובר. ער ציט זיך צוריק אויפ׳ן איינזאמען אינזל און לעבט דא באשיידן און שטיל. ער זאגט זיך אפ פון די אלע אויסצייכנונגען און טיטולן מיט וועלכע עס באשענקט אים דער קעניג פון דער פאראייניקטער איטאליע, וויקטאר עמאנועל.

און ערשט אין הארבסט 1867טן יאר האט דער אלטער קעמפער ווידער געמאכט א פארזוך ארויסצורייסן די שטאט רוים פון דעם פאפסט׳ס הענט.

ער איז פלוצלינג פארשוואונדן געווארן פון אינזל, און האט ארויסגעלאזן א רוף צו זיינע טרייע מיטקעמפער. אין א קורצער צייט האט ער שוין געהאט ארום זיך איבער פופצן טויזנט מאן. אן געווער, אן אמוניציע האט ער זיך מיט זיינע בראווע העלדן געווארפן אין שלאכט קעגן די פאפסטלאכע סאלדאטן און האט זיי בייגעקומען.

די פאפסטליכע ארמיי האט זיך צוריקגעצויגן קיין רוים, און גאריבאלדי איז שוין צוגעקומען נאענט צום שטאט.

אבער דא האבן זיך ווידער אריינגעמישט די פראנצויזן. ביי מענטאנא, א דערפל נישט ווייט פון רוים, האבן די פראנצויזן צוגעגרייט א פאסטקע פאר גאריבאלדי׳ן. אין דער דאזיקער פאסטקע איז גאריבאלדי מיט זיין ארמיי אריינגעפאלן. דא איז דעם דריטן נאוועמבער פארגעקומען דער אנטשיידענער קאמף, און גאריבאלדי׳ס ארמיי האט געליטן א שרעקלאכע מפלה. גאריבאלדי אליין איז שווער פארוואונדעט געווארן. מ׳האט אים פארשפארט

אין דער פעסטונג פון וואריגנאַנאַ, און דערנאָך איּם פאַרשיקט אויפ׳ן אינזל קאַפּרערא.

און ווידער לעבט זיך איינזאַם און באַשיידן אין דער קליינער הייזקע אויפ׳ן אינזל דער אַלטער געפאַנגענער לייב. ער שרייבט די ערינערונגען פון זיין רייך שיין לעבן. ער האָט אויך דאָ אָנגעשריבן דעם באַרימטן היס־טאָרישן ראָמאַן זיינעם: „דער יאָך פון די גלחים״, וועלכער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף עטלאַכע שפּראַכן.

3.

אין 1870טן יאָר האָט דער אַלטער גאַריבאַלדי ווידער געלאָזט הערן פון זיך. ער האָט זיך מיט זיינע צוויי זין דורכגעריסן קיין פראַנקרייך און גענומען אָן אָנטייל אין דער מלחמה קעגן די דייטשן. און טאַקע אין דעם יאָר איז ענדלאָך געקומען אַ סוף צו דעם פאַפּסט ממשלה אין רוים. דעם צוואַנציקסטן סעפּטעמבער זיינען די פראַנצויזן אַרויס פון דער שטאָט, וואו זיי האָבן אויפ־געהאַלטן די פינסטערע מאַכט פון דער קאַטויילישער קירכע.

אין 1874טן יאָר האָט דער פּאַרלאַמענט פון דער שוין דעמאָלט פרייער אָון פאַראייניקטער איטאַליע באַשטימט פאַר דעם גרויסן פאָלקס העלד, וואָס האָט געלעבט איינזאַם און אין אָרעמקייט אויף זיין פאַרם אין קאַפּרערא, אַ יערלאַכע שטיצע פון צען טויזנט ליר.

אין 1875טן יאָר ווערט גאַריבאַלדי אויסגעקליבן אלס דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. דער אַלטער זיבעציק יאָריקער מאַן פאַרטיידיקט דאָרטן מוטיק די אינטערעסן פון די איטאַליענישע פאָלקס מאַסן, ער קעמפט ווייטער פאַר אַ שענער און בעסער לעבן פאַר זיינע מיטמענטשן.

צום צווייטן טערמין ציט זיך גאַריבאַלדי אינגאַנצן צוריק אויף זיין פאַרם, אויפ׳ן באַליבטן פעלזיקן אינזל קאַפּרערא. —

דאָ איז דעם צווייטן יוני, 1882טן יאָר גאַריבאַלדי געשטאָרבן, און דאָ האָט אים דאָס איטאַליענישע פאָלק באַגלייט צום קבר.

אזוי האָט געלעבט און געווירקט דער אמת׳ער פאָלקס העלד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָוועקגעגעבן פאַר זיין פאָלק, פאַר זיין פרייהייט און גליק. גאָרנישט פאַר זיך. אַלץ פאַר זיינע מיטמענטשן, פאַר זיינע ברידער.

אזוי האָט געלעבט דזשוזעפּע גאַריבאַלדי.

פּראַטערניטי פּרינטינג קאָ., אינק.
100 האַנאָווער סטריט, ניו יאָרק.